"קטו טאַם?" ונענו "פוצ'טה",[13] פרחה נשמתם. וכאשר כבר פתחו סוף־סוף את הדלת והכניסו את האורח הבלתי־צפוי, הרי גם אם הביא מכתב רשום מרוסיה — הוא כבר לא הסב להם הנאה. את הקללות שקיללו את הדואר היהודי, את ועד־הקהילה השנוא, אי אפשר היה להחניק, והם הטיחו בנושא־המכתבים ככל שיכול היה לשאת.

בדירות שבקרוכמאלנה ואוסטרובסקה

היו הטענות הבלתי־פוסקות כנגד נושא־המכתבים — כאן משום שמיהר יותר מדי לדפוק על הדלת, כאן משום שאיחר למסור מכתב, ושם על הגניבה מן החבילות, ולבסוף, החשובה שבטענות: על גובה התשלום — מרעילות את חייו של הדוור, היו מַתישות את כוחו גופנית ורוחנית; שכן, הטענה בדבר התשלום היתה באמת צודקת ומרה. בחלק מן הרחובות לא יכלו שמונים אחוז מן הדיירים לשלם את עשרים או שלושים הגרושים בעד המכתב והיו נאלצים לרוץ וללוות את הכסף משכניהם. לעתים לא רחוקות אירע שמקבל מכתב התדפק על דלתותיהם של כל השכנים בקומתו, בקומה שלמטה, בקומה השניה ובקומה הראשונה, וכך עבר מן הקומה הרביעית ועד לקומת־הקרקע, עד שהצליח ללוות את כמה הגרושים העלובים — כמעט איש מהם לא היתה לו פרוטה בביתו. אם הצליחו לעשות כמה זהובים ממכירת הבלואים שבביתם, היו אלה נודדים מיד אל החנווני תמורת רבע קילו — ובמקרה הטוב ביותר, חצי קילו — לחם.

בדרך־כלל היה מקבל־המכתב פונה אז אל הדוור שיתן לו את המכתב בהקפה: — הלוא זה רק סכום של עשרים גרושים, היה אומר בנימה נוגעת־ללב, ואיך זה יכול אתה להקשות את לבך ולא לתת בהקפה בגלל סכום כל־כך קטן? הלוא עוד תעבור פה פעם, ואז אחזיר לך.

וכאשר השיב נושא־המכתבים, שאינו יכול לעשות זאת, כי ברוב הבתים אין כסף והוא עוד ייאלץ להוסיף בכל יום כמה זהובים מכיסו, במקום להשתכר משהו, לא האמין לו האיש: אתה עוד יותר גרוע מה"גויים", היה מתפרץ אז בשצף־קצף. נושא־המכתבים ה"גוי" היה תמיד מאמין לי על דברתי; רק הדואר היהודי, הקהילה עם אנשי־הפקידות שלה, הם כך — שתעלו באש כולכם כמו פשתה!..

אך כל עגמת־הנפש הזאת היתה כאין וכאפס לעומת

המראות הנוראים של בדידות ומחסור,

שנאלץ נושא־המכתבים לראות בנדדו מבית לבית בעמק הבכא של קרוכמלנה, אוסטרובסקה, סמוצ'ה וניסקה.

ברחובות האלה היו דלתות הדירות נעולות עד שעה מאוחרת ביום; עד שתים, שלוש בצהרים שכבו הבריות במיטותיהם. אחרים לא קמו כלל, משום שלא היתה להם כל סיבה לקום. בימי החורף אפשר היה למצוא בדירותיהן של המשפחות הגדולות עשרה או שנים־עשר אנשים, רבים מהם צעירים וצעירות, שוכבים במיטות, פניהם חיורות ועיניהם קודחות והם בולעים את הרוק שבפיהם. אמהות היו שוכבות במיטה עם שנים שלושה ילדים, שוכבות בלי הציפיות, משום שלא היו להן כמה פרוטות לקנות בהן חתיכת סבון כדי לכבסן; בבית היו החפצים מושלכים בערבוביה נוראה, דבר שאישר את האמרה: "כמצב הרוח, מצב הלבוש". ניכר היה שאנשים אלה אין בלבם אלא מחשבה אחת מטורפת: היכן משיגים פת לחם? האמהות לא היו עקרות־בית, האבות — לא עשו לביתם. הדלתות לא נסגרו כהלכה, התנורים היו שבורים, השולחנות והכסאות — לא נקיים, הרצפות — לא שטופות: לשם מה? למי זה איכפת?

מן השכיבה המתמדת במיטות נעשו האנשים חלושים עוד יותר, רבים מהם כבר לא יכלו לעמוד על רגליהם, אחרים התנפחו עד לטבורם ואף למעלה ממנו; מהם שכמעט לא ראו את עיניהם מתוך התפיחות שתפחו פניהם — דבר ששיוה להם כמין מראה של מונגולים אפלים, של אסקימוסים רעֵבים.

בהיכנסו אל אנשים כאלה המתעַנים ברעב, היו לפני נושא־המכתבים שתי אפשרויות: להחזיר את המכתב לבית־הדואר בהערה כי מקבל־המכתב אינו פודה אותו משום שאין לו כסף, או לזכור כי המכתב שנתקבל עשוי לפעמים להביא ישועה לשבר־אדם זה, ובמקרים רבים אמנם הושיע אותו. לכן נאלץ נושא־המכתבים בעצמו לעודד שכנים שיפדו את המכתב, להיות בעצמו עסקן, עורך מגבית, איש־ציבור; כי לבוא לדואר ולומר כי פלוני אלמוני אינו יכול לשלם, בזה לא היתה כל רבותא. את המכתב ועליו ההערה המתאימה היה הפקיד לוקח כאילו לא איכפת לו כלום; המנהל הדברן, שלא חדל לנאום לפני הדוורים על אחריותם הציבורית, לא היה גם לו עצמו התוקף להסדיר, למשל, שוועד־הקהילה יבטל את התשלום בעד

[13] "קטו טאם?" — מי שם?; "פוצ'טה" — הדואר (פולנית).

ענדלעך איינגעשטעלט דאָס לעבן און געפֿרעגט „קטאָ טאַם?" און באַקומען צוריק אַן ענטפֿער „פּאָטשטאַ", איז זיי די נשמה אויסגעגאַנגען. ווען זיי האָבן שוין ענדלעך אויפֿגעמאַכט די טיר און אַרייַנגעלאָזט דעם אומגעריכטן גאַסט, האָט ער אַפֿילו געמעגט ברענגען אַ רעקאָמענדירטן בריוו פֿון רוסלאַנד, איז זיי דאָס חיות שוין נישט איינגעגאַנגען. די קללות קעגן דער ייִדישער פּאָסט, קעגן דער פֿאַרהאַסטער „גמינע" האָבן נישט געקאָנט ווערן דערשטיקט, און מע האָט אַרייַנגעזאָגט דעם בריווטרעגער וויפֿיל עס האָט זיך געלאָזט.

## אין די שטובן אויף קראָכמאַלנע און אָסטראָווסקע

די אומאויפֿהערלעכע פּרעטענזיעס צום בריווטרעגער: דאָ דערפֿאַר, וואָס ער האָט צו האַסטיק געקלאַפּט אין טיר, דאָ צוליבן פֿאַרשפּעטיקן אָפּגעבן די בריוו, דאָרט צוליבן אַרויסגנבֿענען פֿון די פּעקלעך, און, ענדלעך, די סאַמע וויכטיקסטע טענה — צוליבן אָפּצאָל, האָבן דעם בריווטרעגער פֿאַרסמט דאָס לעבן, אים אויסגעמאַטערט פֿיזיש און פּסיכיש; וואָרעם די טענה צוליבן אָפּצאָל איז ווירקלעך געווען אַ גערעכטע און אַ ביטערע. אין טייל גאַסן האָבן אַכציק פּראָצענט אָפּנעמער נישט געהאַט צו באַצאָלן די צוואַנציק צי דרייסיק גראָשן פֿאַרן בריוו און זיי האָבן געמוזט לויפֿן באָרגן צו שכנים. עס האָט נישט זעלטן געטראָפֿן, אַז אַ בריוו־אָפּנעמער האָט אָנגעקלאַפּט אין די טירן פֿון אַלע שכנים אויף זיין שטאָק, אויף אַ שטאָק נידעריקער, אויפֿן צווייטן, אויפֿן ערשטן שטאָק און האָט אַזוי געוואַנדערט פֿון פֿערטן שטאָק ביזן פּאַרטער, ביז ער האָט ענדלעך געקאָנט קריגן געבאָרגט די אָרעמע פּאָר גראָשן. וואָרעם כמעט קיינער האָט אין שטוב קיין גראָשן נישט געהאַט. האָט מען געכאַפּט אַ פּאָר גילדן פֿון פֿאַרקויפֿן אַ פּאָר לאַכעס פֿון שטוב אַרויס, האָבן זיי באַלד אַוועקגעוואַנדערט צום קרעמער פֿאַר אַ פֿערטל צי אין בעסטן פֿאַל פֿאַר אַ האַלבן קילאָ ברויט.

געוויינלעך פֿלעגט דער אָפּנעמער דעמלט אַפּעלירן צום בריווטרעגער, ער זאָל אים לייַען די פּאָר גראָשן: — עס איז דאָך נאָר צוואַנציק גראָשן, פֿלעגט ער זאָגן מיט רירנדיקע ווערטער, ווי האָט איר עס אַ האַרץ נישט צו וועלן באָרגן אַזאַ קליינע פּאָר גראָשן? איר וועט אַמאָל דאָ אַדורכגיין, וועל איך אייַך אָפּגעבן.

ווען דער בריווטרעגער האָט געענטפֿערט, אַז ער קען דאָס נישט טאָן, ווייל אין ס'רובֿ שטובן איז קיין געלט נישטאָ, און ס'וואָלט אים אויסגעקומען יעדן טאָג צוצולייגן פֿון טאַש אַ פּאָר גילדן, אָנשטאָט אַליין צו פֿאַרדינען, האָט יענער עס נישט געגלייבט: — איר זענט נאָך ערגער פֿון די „גויים", — פֿלעגט ער דעמלט אויסברעכן אין אַ ווילדן כעס. דער „גויישער" בריווטרעגער האָט מיר תמיד געטרויט אויפֿן וואָרט; נאָר די ייִדישע פּאָסט, די גמינע מיט אירע „אורשענדניקעס" זענען אַזוי, אַז ברענען זאָלט איר אַלע ווי קין!...

אָבער די אַלע עגמת־נפֿשן זענען געווען אַ גאָרנישט אַקעגן די שרעקלעכע בילדער פֿון עלנט און נויט, וואָס דער בריווטרעגער האָט געמוזט זען, גייענדיק און וואַלגערנדיק פֿון שטוב צו שטוב אינעם יאָמער־טאָל פֿון קראָכמאַלנע, אָסטראָווסקע, סמאָטשע און ניזקע.

אין די דאָזיקע גאַסן זענען די טירן פֿון די וווינונגען געווען פֿאַרשלאָסן ביז אין שפּעטן טאָג אַריין, מענטשן זענען געלעגן ביז צוויי־דריי מיטאָג־צייט אין די בעטן. אַנדערע זענען איבערהויפּט גאָרנישט אויפֿגעשטאַנען, נישט האָבנדיק צו וואָס. אין די ווינטער־טעג האָט מען אין די שטובן פֿון גרעסערע פֿאַמיליעס געקאָנט טרעפֿן צען־צוועלף מענטשן, אָפֿטמאָל יונגע מאַנצלייט אָדער פֿרויען, ליגן אין די בעטן, ליגן מיט בלייכע פּנימער און פֿיבערדיקע אויגן און שלינגען די סלינע פֿון מויל. מאַמעס זענען געלעגן אין די בעטן צוזאַמען מיט צוויי־דריי קינדער, זיי זענען געלעגן אין די רויטע אָנשיטן, נישט האָבנדיק די פּאָר גראָשן אויף אַ שטיקל זייף צו וואַשן דאָס איבערצוג. אין שטוב זענען די זאַכן געווען אָנגעוואָרפֿן אין אַ שרעקלעכער אומאָרדענונג, וואָס עס האָט באַשטעטיקט דעם אמת פֿון שפּריכוואָרט: „אַזוי ווי ס'געמיט, אַזוי ס'געשלייער"; מע האָט געזען, אַז די מענטשן ליגט קיין שום זאַך נישט אין קאָפּ אַחוץ דעם איינאיינציקן וואַנזיניקן געדאַנק: וווּ נעמט מען אַ שטיקל ברויט? די מאַמעס זענען קיין באַלעבאָסטעס נישט געווען, די טאַטעס — קיין באַלעבאַטים. די טירן זענען שלעכט צוגעגאַנגען, די אייוועלעך זענען געווען צעבראָכן, די טישן און שטולן — נישט געשייערט, די פּאָדלאָגעס — נישט געוואַשן: צו וואָס? וועמען גייט עס אָן?...

פֿונעם כסדרדיקן ליגן אין די בעטן זענען די מענטשן נאָך שלאַפֿער געוואָרן, פֿיל האָבן שוין איבערהויפּט נישט געקאָנט שטעלן קיין טריט, אַנדערע זענען געווען געשוואָלן ביז צום נאָפּל און נאָך העכער; ביי אַ טייל האָט מען קוים די אויגן אַרויסגעזען פֿון הינטער די געשוואָלענע קישעלעך אַרום די אויגן־לעכער, וואָס האָט זיי צוגעגעבן עפּעס אַן אויסזען פֿון פֿינצטערע מאָנגאָליער, פֿון הונגעריקע עסקימאָסן.

אַרייַנקומענדיק צו אַזוינע פֿון הונגער פֿאַרפּייניקטע מיט אַ בריוו, האָט דער בריווטרעגער געהאַט צוויי ברירות: אָדער צוריק אָפּגעבן דעם בריוו אויף דער פּאָסט מיט דער צושריפֿט, אַז דער אָפּנעמער לייזט אים נישט אויס, ווייל ער האָט נישט קיין געלט, אָדער צו געדענקען, אַז דער געבראַכטער בריוו קען אַמאָל ברענגען אַ ישועה פֿאַרן דאָזיקן צעבראָכענעם מענטש, און אין אַ סך פֿאַלן איז עס טאַקע אַזוי געווען. דער בריווטרעגער האָט דעריבער אַליין געמוזט אונטערטרייַבן שכנים, אַז זיי זאָלן דעם בריוו אויסקויפֿן, אַליין זיין אַ טוער, אַ זאַמלער, אַ כלל־מענטש. וואָרעם קומען אויף דער פּאָסט און זאָגן, אַז דער און דער קען נישט צאָלן, איז גאָר קיין קונץ נישט געווען. דעם בריוו מיט דער אַנטשפּרעכנדיקער צושריפֿט האָט דער באַאַמטער צוגענומען ווי קיינמאָל גאָרנישט; דער דירעקטאָר מיט די גיין מאָס רייד, וואָס האָט נישט אויפֿגעהערט רעדן צו די בריווטרעגער

